אִישׁ אֶת רֵעֵהוּ יַעְזֹרוּ וּלְאָחִיו יֹאמַר חֲזָק

בחור היקר

# אין אידיש גערעדט

מיר רעדן דיין שפראך

שנה ב'- גליון נד'
פרשת תולדות תשפ"ב

לע"נ
לוי יצחק שנעק
בעל מחבר ספרי יש לחקור
מגי"ש בישיבת אמרי שפר

להערות ולנדבות, ולכל עניני הגליון ולקבלת העלון בדוא"ל יכולן לפנות .
315-400-1818
1818yiddish@gmail.com

## ווילסט אז דיין דאווענען זאל אנגענומען ווערן? מאך זיכער אז דו דערקלערסט זיך באנקראט...

חיים, אויף וועלכע פסוק שטייסטו שוין אזוי לאנג? אה משה, ביסט פונקט גוט געקומען. איך האב א קשיא וואס באדערט מיר יעדעס מאל וואס איך לערן פרשת תולדות..... נו חיים, לאמיר הערן וועלכע פסוק איז דאס?

משה, איך וועל דיר זאגן. ס'שטייט אין פסוק [כה, כא] 'ויעתר יצחק לה' לנוכח אשתו, כי עקרה הוא.....' וואס איז פשוט פשט אין פסוק? אז יצחק האט געדאווענט צום באשעפער אז ער זאל זוכה זיין צו קינדער. פארוואס האט ער געדאווענט??? ווייל רבקה איז געווען אן עקרה......

**ס' וואלט געדארפט שטיין פונקט פארקערט!!!!!**

די פסוק וואלט קודם געדארפט דערציילן אז רבקה איז געווען אן עקרה, און וויבאלד זי איז געווען אן עקרה, האט יצחק געדאווענט. יעדע מעשה הייבט מען אן, אז ס'איז געווען א מענטש, ער האט געהאט א פראבלעם, און נאכדעם זאגט מען וואס ער האט געטון וועגן די פראבלעם..... אבער אין פסוק שטייט קודם אז ער האט געדאווענט.... און גראדע לייגט ער צו א טעם, ווייל זי איז געווען אן עקרה. משה, וואס איז פשט???

**חיים, די תירוץ איז אז פאר מ'דאווענט דארף מען זיך דערקלערן 'באנקראט'**

וואס??? משה, האב איך גוט געהערט... ביסט זיכער אז דו ביסט ok..... פאר א איד דאווענט דארף ער וואס??? ער דארף זיך דערקלערן באנקראט...

משה, איך האב געהערט אז פארן דאווענען זאל מען מקבל זיין די מצוה פון ואהבת לרעך כמוך... מ'זאל זיך מתבונן זיין וועגן גדלות ה'... אבער אז מ'דארף זיך דערקלערן באנקראט, דאס האב איך נישט געהערט...

חיים, איך וועל דיר אלעס מסביר זיין בטוב... טעם... ודעת... אבער קודם א מעשה.

**מעשה שהיה כך היה.**

א חשוב'ער יונגערמאן אין ירושלים האט געהאלטן פארן חתונה מאכן זיין קינד, אבער ער האט נישט געהאט קיין פעני פאר הוצאות החתונה... ער האט פראבירט שאפן הלוואות פון גמחי"ם, אבער ס'איז נישט געגאנגען, ווייל ער האט שוין געהאט אנגעבארגט אויף זיין טאג-טעגליכע הוצאות, און זיי זענען שוין נישט געווען גרייט צו פארבארגן מער... ער האט פראבירט גיין צו נדיבי לב, אבער צו סאך האט ער נישט געמאכט. זיין ווייב שטייט און בעט 'מיר דארפן פאר הוצאות החתונה', אבער ער ווייסט איר נישט וואס צו זאגן.

**ס'איז שוין ערב שבת באווארפן...**

און ער האט נאכאלס נישט געלט פאר די מינימאלע הוצאות החתונה. וועך רעדט נאך פון געלט פאר די דירה... ער ווייסט נישט וואס צו טון... ס'איז שוין חצות היום, אבער קיין געלט האט ער נאכנישט.

זיין ווייב שטייט און וויינט וואס גייט דא זיין... די טאכטער שרייט און וויינט וואס גייט דא זיין... ער זעט נישט קיין צווייטער וועג. האט ער מחליט געווען אז ער גייט צום כותל, דאווענען און זיך אויסגיסן זיין הארץ פאר דער מלך מלכי המלכים, ווייל ער איז דער איינציגסטער וואס קען אים העלפן, ווייל ע"פ דרך הטבע זעט ער נישט קיין וועג ארויס פון זיין פראבלעם.

**אומר ועושה מ'פארט אין כותל...**

ער איז אנגעקומען צום כותל, גענומען א תהלים, געגאנגען צו א ווינקל, און די טרערן האבן אנגעהויבן פליסן אן אויפהער. ער האט זיך געבעטן ביים מלך מלכי המלכים אז ער זאל רחמנות האבן אויף אים, ווייל ער זעט נישט קיין וועג ארויס...

אזוי האט ער געוויינט א שטיק צייט.

**פלוצלינג!!!!! פילט ער ווי איינער גיבט אים א קלאפ אין פלייצע......**

ער גיבט זיך א דריי אויס, און ער זעט ווי א איד, וואס ס'זעט אויס ווי ער קומט פון אויסלאנד, שטייט דארט, און גיבט אים א פרעג: "ר' איד, פארוואס וויינט איר??? וואס טוט איר דא פארן זמן שב"ק???"

דער איד האט געטראכט אז ער האט נישט וואס צו פארלירן, האט ער אים דערציילט וואס ס'גייט פאר, אז ער האלט פאר א חתונה פון זיין קינד, און ער האט נישט קיין פרוטה אויף הוצאות החתונה... און ער שעמט זיך אהיימצוגיין... דער איד איז געווארן זייער איבערגענומען פון די גאנצע מצב, און ער זאגט פאר דער איד...

**איר דארפט שוין נישט וויינען, איך צאל אויס די גאנצע חתונה מיט אלע ארומיגע הוצאות.....**

ס'איז אריבער צוויי יאר, און ער האט געהאט נאך א טאכטער אויף די רייע... האט ער גערופן די שדכנים אז ער וויל דער בעסטער בחור..... וואס וועט זיין מיט געלט? האט ער געזאגט אז אויף געלט דארף מען זיך נישט זארגן, ער איז גרייט צו צאלן אלעס... [ער ווייסט שוין די סוד וויאזוי מ'קען באקומען אלע הוצאות החתונה אויף א גאלדענעם טאץ].

נאכן הערן אז ער איז גרייט צו געבן געלט פאר א גוטער בחור, האבן טאקע די שדכנים אנגעטראגן די בעסטע בחורים. און יא, מזל טוב... זיין טאכטער האט באקומען גאר א געלונגענער בחור...

מ'האט זיך געוואלט גרייטן אויף די חתונה, און מ'איז געקומען בעטן פאר געלט, האט ער געזאגט: "זייטס נישט באזארגט, איך וועל אי"ה האבן דאס געלט". ווען זיין ווייב און טאכטער האבן געפרעגט ווען, האט ער געזאגט עטס געדענקטס נישט אז לעצטע מאל האב איך באקומען די גאנצע געלט. דאסמאל וועל איך דאס אויך באקומען, אבער מ'דארףווארטן ביז פאר די חתונה, פונקט ווי לעצטע מאל...

פארשטייט זיך אז די ווייב און טאכטער האבן נישט געהאט קיין צווייטע ברירה, נאר ווארטן אויף די ריכטיגע מינוט.

**היום יום ערב שבת קודש שבו היו.....**

ענדליך... איז אנגעקומען ערב שבת קודש פאר די באווארפן, און דער טאטע זאגט פאר זיין ווייב און טאכטער: "הערטס ענק צו, איך גיי יעצט צום כותל, און איך האף אז איך וועל באלד זיין אינדערהיים מיט אלע הוצאות החתונה".

דער איד לאזט זיך ארויס צום כותל.... ווי נאר ער איז אנגעקומען, האט ער ארומגעקוקט צו זען אויב ס'געפינט זיך דארט אן אויסלענדישער איד וואס קען אים אויסצאלן די חתונה... און יא. ער באמערקט איינעם. ער גייט נעבן דעם איד, ער נעמט ארויס א תהלים, און הייבט אן צו וויינען. שיר... המעלות... ממעמקים... קראתיך... ה'... וגו'.

ער ווארט אז דער איד זאל אים געבן א קלאפ אין זיין פלייצע, אבער ניין, ער באקומט נישט קיין קלאפ..... ער האט פראבירט צו זאגן אביסל העכער תהלים, אבער ס'איז נאכאלס נישט געלונגען..... האט ער געטראכט אפשר וועט דאס קומען פון א צווייטער גביר..... איז ער געגאנגען צו א צווייטע עק פון כותל, און געזאגט תהלים, אבער... קיינער רופט זיך נישט אן.

אזוי איז דורכגעגאנגען די גאנצע ערב שבת קודש, ער גייט פון איין עק צום צווייטן, ער זאגט תהלים, און ווארט צו פילן די קלאפ אין פלייצע, אבער...

**אין קול ואין עונה. קיינער גיבט אים נישט קיין קלאפ**

בלית ברירה איז ער אהיים אן גארנישט..... ער איז אריינגעפאלן אין בעט אינגאנצן צעבראכן און צעקלאפט, און ער האט נישט געוואלט ארויסגיין. קודם ווייל ער האט נישט געוויסט וויאזוי ער וועט צוגיין צום חתונה אן קיין געלט... מער ווי דעם האט ער זיך געפילט זייער נאריש, אז זיין פלאן איז נישט געלונגען.....

מ'האט שנעל גערופן דער רב פון די קהילה זאל אריבערקומען רעדן צו אים... ויבוא, דער רב איז אנגעקומען, ער האט אויסגעהערט די גאנצע מעשה... און דער איד האט אים געפרעגט: "רב לעבן, וואס איז פשט".

**פארוואס??? לעצטע מאל האב איך זוכה געווען אז איינער האט מיר אויסגעצאלט די גאנצע חתונה, און דאסמאל נישט.**

האט דער רב געזאגט: "ס'איז זייער פשוט. לעצטע מאל ביסטו געגאנגען צום באשעפער. האסט בכלל נישט גע'חלומ'ט וועגן דער גביר. ממילא האט זיך דער באשעפער געזארגט פאר דיר... דאסמאל אבער ביסטו געגאנגען צום גביר, יעצט קענסטו ווארטן ביז דער גביר וועט זיך אויפוועקן....."

## משה, זייער א שיינע מעשה!!! אבער ווי קומט דאס אהער???

חיים, זיי רואיג, איך וועל דיר אלעס מסביר זיין, אבער כדי דאס צו פארשטיין... און ווי קומט דא אריין באנקראט... מוזטו אויסווארטן ביזן סוף... און איך וועל דאס צעטיילן אין צוויי חלקים.

## חלק א'

דער רבינו בחיי שרייבט, **<u>אז מיר לעבן אין זייער א גרויסע טעות</u>**, מיר מיינען אז אויב א מענטש האט א פראבלעם, איז דא אן עצה וואס הייסט תפילה... וואס דורכדעם קען מען ארויסקריכן פון די פראבלעם... קומט אויס אז די גאנצע תפילה איז נאר א וועג וויאזוי מ'ווערט פטור פון פראבלעמען..... איז פונקט ווי ס'איז דא א סגולה צו געבן געלט פאר ר' מאיר בעל הנס... זאגן פרק שירה... איז דא א סגולה - אן עצה פון תפילה... און אויב מ'וואלט נישט געהאט קיין פראבלעמען וואלט מען נישט געדארפט דאווענען.

## אבער ס'איז פונקט פארקערט, ווייל דער באשעפער וויל אז מ'זאל מתפלל זיין, וועגן דעם מאכט ער די פראבלעמען.....

דאס הייסט, דער באשעפער וויל אז דו זאלסט זיין מקושר צו אים... ער וויל דו זאלסט אים רופן... ער איז דאך דיין טאטע... וואס טוט ער??? מאכט ער א פראבלעם, וואס דער מענטש פילט זיך 'סטאק', ער האט נישט קיין ברירה, מוז ער מתפלל זיין... אבער דער מענטש כאפט עס נישט... ממילא בעיקר לייגט ער זיך אריין אין אלע מיני עצות, און ער פראבירט מיט אלע מיני סגולות צו מסדר זיין די זאך... און דרך אגב איז ער אויך מתפלל, ווייל ס'איז דאך נישט ווייניגער ווי יעדע סארט השתדלות... אבער מ'כאפט זיך נישט אז דער באשעפער וויל יעצט הערן דיין קול... ער וויל דו זאלסט אים רופן... און וועגן דעם האט ער געמאכט די פראבלעם... ער כאפט נישט אז די גאנצע מטרה פון די פראבלעם איז נאר ווייל ער וויל אז דו זאלסט רעדן צו אים.

## און וועגן דעם הייבט די פסוק אן מיט 'ויעתר יצחק'

ווייל דאס איז געווען דער עיקר, די גאנצע מטרה איז געווען די תפילה..... און וועגן דעם האט ער איר געמאכט פאר אן עקרה... ווי חז"ל זאגן [בראשית רבה מה, ד] אז פארוואס זענען די אמהות געווען עקרות, ווייל דער אויבערשטער האט ליב געהאט זייערע תפילות, ממילא האט ער זיי געמאכט פאר עקרות, כדי זיי זאלן דאווענען. קומט אויס אז די עיקר מטרה איז די תפילה, נאר די פראבלעם מאכט מען כדי דער מענטש זאל דאווענען.

## און אז דו ווילסט זיך שפארן עגמת נפש גיי גראד צום פוינט און דאווען

ממילא וועסטו זיך שפארן אלע עגמת נפש, וויבאלד די גאנצע פראבלעם קומט ווייל דער באשעפער וויל דו זאלסט דאווענען, און ווילאנג דו וועסט נישט דאווענען וועסטו האבן די פראבלעם.....

משה, די תירוץ איז טאקע הפלא... ופלא... אבער וואס האט דאס א שייכות מיט די מעשה? און וואו קומט דא אריין אז מ'דערקלערט זיך באנקראט???

חיים, איך בין נאכנישט פארטיג. לאמיר נישט כאפן קיין הייסע לאקשן... ס'איז דא נאך א נקודה...

## חלק ב'

## וואס איז די עיקר נקודה פון תפילה??? וויאזוי העלפט תפילה???

מ'זעט דא אן אינטערעסאנטע זאך. די תורה וויל ארויסברענגען אז דער אויבערשטער ברענגט א פראבלעם ווייל ער וויל הערן ווי מ'דאווענט, אבער פארוואס האט אויסגעפעלט אז רבקה און די אנדערע אמהות זאלן זיין עקרות, וואס דעמאלס קומט אויס אז די תפילות זענען געווען פאר ניסים... ס'וואלט דאך געקענט זיין די זעלבע מעשה ווען די אמהות וואלטן סתם נישט געהאט קיין קינדער, און זיי וואלטן מתפלל געווען פאר קינדער, פארוואס דארף די מעשה זיין אז זיי זאלן זיין עקרות [אין רבינו בחיי שטייט אז די פסוק וויל אונז מגלה זיין אז תפילה האט אזא שטארקע כח, אפילו אויף ניסים, אבער נאכאלס האט דאס נישט קיין שייכות מיט די יסוד, אז די גאנצע פראבלעם קומט ווייל דער אויבערשטער וויל הערן דיין תפילה].

## נאר דא שטייט די יסוד אז די כח התפילה איז ווען א מענטש איז מכיר אז נאר דער באשעפער קען העלפן...

ווייל תפילה מיינט 'איך בין זיך מקשר מיט דער באשעפער...', 'איך בין מכיר, און איך פארשטיי, אז נאר ער קען אלעס... און נאר ער טוט אלעס...' און דאס געוועהנליך געשעט ווען ס'איז באמת נישט דא קיין מהלך בדרך הטבע, ווייל ווילאנג א מענטש זעט בדרך הטבע א וועג ארויס פון זיין פראבלעם, איז זיין דאווענען נאר ווייל ס'איז איינע פון די זאכן אויף די ליסט, און אזא תפילה איז נישט די ריכטיגע תפילה וואס האט אזוי סאך כח...

## די ריכטיגע תפילה איז ווען מ'דערקלערט זיך באנקראט, וואס דאס מיינט, איך האב נישט קיין צווייטע וועג, נאר זיך צו ווענדן צום ממ"ה

ווייל וואס מיינט א מענטש דערקלערט זיך באנקראט, ס'מיינט אז דער מענטש האט נישט קיין צווייטע וועג... חוץ אז ער גיבט אויף, און ער בעט פון די קאורט זאל אים באשיצן. די זעלבע איז מיט דאווענען.

ווען מיר קומען צום ממ"ה זענען דא אפאר סארטן מענטשן

1) ס'זענען דא מענטשן וואס דאווענען פשוט ווייל מ'מוז דאווענען, וואס דאס האט נישט קיין שום שייכות מיט תפילה...
2) ס'זענען דא מענטשן וואס דאווענען אז דער באשעפער זאל זיי נישט קאליע מאכן זייערע פלענער, וואס דאס הייסט, איך האב א מהלך, נאר דער באשעפער זאל זיך נישט אריינמישן און קאליע מאכן...
3) ס'זענען דא מענטשן וואס האבן נישט אזעלכע גוטע עצות, ממילא בעטן זיי דער באשעפער זאל זיי העלפן.

פון די אלע חברה פעלט באמת די יסוד פון תפילה, ווייל תפילה מיינט איך האב א קשר מיטן בורא, און א קשר איז ווען א מענטש פילט איך קען נישט, איך דערקלער באנקראט... ער ווייסט און פארשטייט אז נאר דער באשעפער קען מיר העלפן, און איך מוז צוקומען צו אים... און ווען א מענטש פילט אז איך קען נישט... איך האב נישט קיין שום מהלך, נאר דער בורא כל עולמים קען מיר העלפן, אזא תפילה איז א ריכטיגע תפילה, און

## מיט אזא תפילה קען מען פועל'ן ניסים למעלה מדרך הטבע!!!!!

ווי דער רבינו בחיי שרייבט, אז וועגן דעם זענען די אמהות געווען עקרות, צו ווייזן אז תפילה העלפט למעלה מדרך הטבע, און ווי דער ספורנו שרייבט אויף די פסוק 'ותצחק שרה' [בראשית יח, ב], אז די סיבה פארוואס זי האט געלאכט איז געווען ווייל זי האט געמיינט אז דאס איז סתם א ברכה פון א מלאך, זי האט נישט געוויסט אז דאס איז א שליחות פון באשעפער. **<u>ווייל דאס אז זי זאל קענען האבן קינדער, איז א נס פונקט ווי תחיית המתים, וואס קען נישט געשען נאר דורך א ציווי פון באשעפער, אדער דורך 'תפילה'.</u>** זעט מען אז ס'איז נארמאל אז תפילה זאל העלפן למעלה מדרך הטבע... אבער דאס איז נאר אויב מ'איז מכיר אז נאר דער באשעפער קען העלפן.

## און וועגן דעם איז דער יונגערמאן געהאלפן געווארן נאר די ערשטע מאל

ווייל דעמאלס האט ער דערקלערט באנקראט, ער האט נישט געזען קיין וועג אין די וועלט אז ער זאל קענען אויפקומען מיט געלט פאר די חתונה... איז זיין תפילה געווען א ריכטיגע תפילה... ממילא האט דאס געהאלפן, אבער די צווייטע מאל איז ער שוין געקומען מיט חשבונות, איז די תפילה נישט געווען אזא שטארקע תפילה, ממילא האט דאס נישט געהאלפן.

## און דאס איז ממש היפך וואס די גאס טראכט

ווען מ'הערט אז איינער איז זקוק לרחמי שמים מרובים... אדער ווען מ'איז אין א מצב וואס מ'זעט נישט קיין וועג ארויס, פילט מען כאילו די דאווענען איז א תפילת שוא, מ'גלייבט נישט אזוי שטארק אז ס'וועט העלפן, אבער ווען מ'הערט אז ס'איז דא האפענונג, דעמאלס דאווענט מען שטערקער. אבער באמת דארף זיין פונקט פארקערט, ווייל ווילאנג א מענטש האט נאך א וועג בדרך הטבע, האט ער נאכנישט געפיילט בענקראפסי, און אזא תפילה האט נישט אזא כח, ווי איינער וואס האט שוין געפיילט בענקראפסי.

## פילסט זיך צעקלאפט אדער צעבראכן

א מענטש האט אסאך מצבים אין לעבן ווי ער פילט אז קיינער פארשטייט אים נישט... קיינער מאכט נישט מיט וואס ער מאכט מיט... סיי אין די גשמיות'דיגע וועלט, געזונט... פרנסה... שלום בית... אדער ברוחניות, נסיונות... כשרון... הבנה... חברים... מ'זעט נישט קיין וועג ארויס, מ'פילט זיך הילפסלאז. די געפילן דארפן נישט מאכן א מענטש צעבראכן, אדרבה דאס איז ממש ווי מ'שרייבט, אז מ'דערקלערט זיך באנקראט, און טאקע יעצט איז די צייט וואס דיין תפילה קען העלפן למעלה מדרך הטבע.

## און וועגן דעם איז מען משבח דעם באשעפער פאר מ'דאווענט

דער מבי"ט שרייבט, אז די סיבה פארוואס מ'דארף משבח זיין דעם באשעפער פאר מ'דאווענט איז, כדי א מענטש זאל וויסן אז דער באשעפער איז דער כל יכול, ער טוט אלעס... און ער קען אלעס... ממילא וועט דאס דאווענען זיין א ריכטיגער דאווענען... און מ'וועט קענען פועל'ן למעלה מדרך הטבע...

### בקיצור למעשה

די אלגעמיינע בליק אויף תפילה איז, אז ס'איז איינע פון די זאכן וואס מ'מוז טון כדי צו מצליח זיין, און אז מ'זאגט אז די מצב טויגט נישט, פארלירט מען די אמונה אז די תפילה גייט העלפן, אבער די תורה איז אונז מגלה אין די היינטיגע פרשה, אז ביידע נקודות איז א טעות, א] תפילה איז נישט איינע פון די זאכן, נאר תפילה איז 'די' גאנצע סיבה פארוואס די פראבלעם קומט, ממילא אנשטאט טון טויזנט זאכן, טו צום זאך, און דאווען, ווייל דאס וויל מען פון הימל. ב] ווי מער א מענטש זעט נישט בדרך הטבע א וועג ארויס פון זיין פראבלעם, אזא תפילה האט סאך א גרעסערע כח, אויף אזוי ווייט אז ס'איז בדרך הטבע אז די תפילה זאל מאכן ניסים שלא כדרך הטבע.